מַתָּנָה טוֹבָה יֵשׁ לִי בְּבֵית גְּנָזַי, וְשַׁבָּת שְׁמָהּ

# זְמִירוֹת שַׁבָּת

# הַמְפֹאָר

## אִידִישׁ כְּלַאם

דִי זְמִירוֹת וָואס וֶועט אַרייְנְבְּרֶענְגֶען אַ תַּעֲנוּג רוּחָנִי אוּן גֶעבְּן צוּ שְׁפִּירְן דֶעם מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא אִין דֶעם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ.

אוֹיג-פַארְכַאפְּנְדֶע בִּילְדֶער, הֶערְלִיכֶע מַעֲשִׂיוֹת אוּן דִבְרֵי תּוֹרָה אוֹיף שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, ווִיכְטִיגֶע הֲלָכוֹת אוּן צִיעֶנְדֶע מְשָׁלִים וֶועלְן אַרייְנְגֶעבְּן אַ שִׂמְחָה, קְדוּשָּׁה, אוּן מְנוּחָה אִין דֶעם לֵיבְּן שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, אַז עֶס וֶועט זִיךְ אוֹיסְשְׁרַייְעְן פוּן זִיךְ אַלֵיין:

**מִזְמוֹר שִׁיר לְיוֹם הַשַּׁבָּת, טוֹב לְהוֹדוֹת לַשֵּׁם!**

מלבות וקסברגר
MEFOAR · מפואר

# תוכן הזמירות


הדלקת נרות שבת.........15
ברכת הבנים...................21
קידוש ליל שבת .............39
זמירות ליל שבת ............42
זמירות יום שבת............72
קידוש ליום שבת............81
סדר סעודה שלישית......99
סדר מוצאי שבת ......... 105
בקשה למוצאי שבת.... 107
סדר הבדלה................. 108
זמירות למוצאי שבת... 110
סדר ברכת המזון ........ 119
שבע ברכות................. 131
ברכה מעין שלש ......... 132
אידישע לידער............ 136
ניגונים לכבוד שבת...... 205


וקסברגר

# אריינפיר

שבת קודש איז א וואונדערליכע מתנה וואס דער באשעפער האט געשאנקען פאר זיין פאלק. שבת איז א טאג פון קדושה און מנוחה, די טאג וואס דער איד פון א גאנצע וואך ווערט פארוואנדלט אין א העכערע בריאה. פון זיין פנים שיינט א געהויבענע שמחה, און אלע זיינע דאגות ווערן פלוצלינג פארגעסן. די תענוג פון קדושת השבת נעמט אים איינצאנצן ארום, און די נשמה יתירה וואס רוהט אויף אים, מאכט אים פארגעסן זיין פלאג און מיה פון דורכאויס די וואך. און ווען דער איד זעצט זיך אראפ צו די שבת'דיגע סעודה, און פון זיין מויל גיסט זיך ארויס א הארציג געזאנג צום באשעפער פאר דעם גרויסן טאג וואס ער האט אונז געשאנקען, ווער נאך איז אזוי גליקליך ווי ער?

אין דעם זמירות "אידיש פלאם" זענען די זמירות באגלייט מיט הערליכע בילדער, וואס ברענגען אריין א שמחה און מאכן דעם שבת קודש לעבעדיג פאר די אויגן. פאר יעדן זמר שטייט די נאמען פון דעם פייטן וואס האט מחבר געווען דעם זמר. דער "יסוד יוסף" שרייבט אז בשעת מען זינגט די זמירות זאל מען איינזין האבן דעם נאמען פון דעם מחבר פון דעם זמר, און דאס וועט זיין א זכות פאר אים, און עס וועט זיין א גרויסע נחת רוח פאר זיין נשמה.

אין אלע אידישע קהילות איז איינגעפירט די הייליגע מנהג פון זינגען זמירות ביי די סעודות שבת. אין יעדע אידישע שטוב זיצט מען ביים שבת טיש און מען זינגט, דער טאטע און די קינדער צוזאמען. אין די גאנצע וועלט זינגען אידן די זעלבע הערליכע ווערטער. דער ניגון איז טאקע אנדערש אין פארשידענע קהילות, אבער די העכערע כוונה פון זינגען לכבוד שבת איז ביי יעדן איינעם די זעלבע.

מיט גרויס פרייד גרייטן זיך אידן צו דעם חשוב'ן גאסט, שבת המלכה. אין אלע דורות האבן זיך אידן געגרייט צום שבת קודש מיט התרגשות און האפנונג אז אט דער שבת וועט זיין דער "יום שכולו שבת", ווען מען וועט זוכה זיין צו דער גאולה שלימה און צו משיח צדקנו. אלע אונזערע מעשים זענען א חלק פון די הכנה צום גרויסן יום הדין וואס וועט זיין ווען משיח וועט קומען.

מיר אין "מפואר" ווילן אויך טוהן וואס מער צו באשיינען דעם כבוד שמים, אז יעדעס אידיש קינד זאל שפירן די שיינקייט פון אידישקייט. מיר ווילן ערוועקן ביי יעדן איד זיין ריינע הייליגע נשמה וואס ברענגט מיט ליבשאפט צום באשעפער, און אזוי וועלן מיר זיך גרייטן אויף לעתיד לבא, ווען מיר וועלן אנטקעגן גיין משיח צדקינו.

דעריבער האבן מיר אריינגעלייגט אן א שיעור כוחות צו אפגעבן דעם כבוד פאר'ן שבת קודש. אצינד האבן מיר די זכיה צו פארשטעלן פאר אייך די הערליכע זמירות שבת "אידיש פלאם" אין איהר פולן פראכט, באגלייט מיט לעבעדיגע בילדער וואס ערוועקן דעם געפיל צום שבת קודש, מיט א ברייטן אויסוואל פון מעשיות, משלים, דברי תורה, ווערטלעך, הלכות, און נאך, פון וואס איהר וועט קענען נהנה זיין ביים שבת'דיגן טיש און א גאנצע וואך.

אויך וועט איר טרעפן אין דעם זמירות א רייכ'ן אוצר פון געקליבענע אידישע לידער, - וועלכע זענען ברייט באקאנט מיט זייער אייגנארטיגע חן און נאסטאלגישע בענקעניש צום שבת קודש, און ברענגען אריין אמונה און בטחון אינעם בורא עולם און חשק און ליבשאפט צו טוהן דעם רצון ה' יתברך און צו גיין אין די תורה'ס וועג - וואס מען קען זיי אלע זינגען ביים שבת טיש, באטע'ס, שבת התועדות, צוזאמקומ'ס, און אין סיי וועלכע געהויבענע מאמענט, צו דערנענטערן אונזערע הערצער מיט א 'פלאם' צו אבינו שבשמים.

א גוט שבת!

אמר הקדוש ברוך הוא למשה

ושבת שמה

ואני מבקש ליתנה לישראל

מתנה טובה יש לי בבית גנזי


מלכות וקסברגר
פאר היצירה היהודית

בני ברק: רח' הלפרין 18, רח' רבי עקיבא 112
ירושלים: רח' מלכי ישראל 2
טל. 03-6154900 פקס. 03-6192858
שרות לקוחות: 1599-500-830
www.mwaxb.co.il - office@waxb.co.il

MEFOAR
מפואר

Mefo'ar Judaica
3919 13th ave. Brooklyn NY 11218
718-436-0707
email: info@mefoarjudaica.com
www.mefoarjudaica.com



כל הזכויות שמורות לדפוס "וקסברגר", ול"מפואר" תשע"ו. אזוי ווי מיר האבן אריינגעלייגט פיל געלט און אסאך כוחות אין דעם זמירות, טוען מיר אויסדריקליך פארבאטן, סיי עפ"י דין תורה און סיי להבדיל לויט די אינטערנאציאנאלע דרוק רעכט געזעצן, נאכצומאכן דעם זמירות אדער א חלק דערפון, עס איבערזעצן, אריינלייגן אין א קאמפיוטער, אדער קאפירן אויף סיי וועלכן אופן, סיי וועלכן טייל. אזוי אויך איז פארבאטן זיך צו באנוצן מיט'ן אינהאלט פון דעם בוך אדער א טייל דערפון, אויף קיין שום אופן און מיט קיין שום מיטלען, סיי עלעקטראנישע און סיי מעכאנישע, סיי פאר ביזנעס און סיי נישט פאר ביזנעס, אן רשות פון די ארויסגעבער.



פקס. לתגובות והערות: 1533-6154-900




# ״לכבוד שבת קודש״

בשעת ווען מיר גרייטן זיך און מאכן די הכנות אויף שבת, זענען ווי אויפגעשריבן אויף אונזערע ליפן און עס זאגט זיך די דריי ווערטער: ״לכבוד שבת קודש״. די ווערטער גיבן אריין א קדושה און א דערהויבנקייט אין אונזער ארבעט, און א דאנק דעם וועט מען אונז געבן אן א שיעור שכר אויף אונזערע הכנות צום שבת קודש.

דער של״ה הקדוש שרייבט: ״ביי יעדע זאך וואס מען קויפט ערב שבת זאל מען זאגן מיטן מויל, ׳איך קויף דאס לכבוד שבת׳. און דורך דעם ברענגט מען ארויף אויף זיך די קדושת השבת״.

אפילו די גרויסע אמוראים האבן געפונען פאר וויכטיג אליין׳ס צו טוהן פעולות לכבוד שבת קודש, ווי חז״ל זאגן שוין, אז אפילו אן עושר וואס האט אסאך משרתים, זאל אליין צוגרייטן דעם שבת, און נישט זאגן אז עס פאסט נישט פאר אים, ווייל דאס אליין, אז ער איז מכבד דעם שבת איז א כבוד פאר אים.

דער מהר״ם א״ש זצ״ל, האט זיך געפירט אליין צו שארפן דעם מעסער יעדן ערב שבת. איינמאל איז אים אריבערגעלאפן א מחשבה, ׳צו וואס דארף איך שארפן דעם מעסער? איך קען דאך אין דער צייט זיצן און לערנען?!׳

און ער האט טאקע אזוי געטוהן. ער האט אוועקגעלייגט דעם מעסער, און זיך אראפגעזעצט לערנען. ווען ער האט עס געעפנט דעם שולחן ערוך, האט ער פונקט אנגעטראפן די ווערטער פון דעם רמ״א, וועלכער שרייבט אז מען זאל אויסשארפן דעם מעסער יעדן ערב שבת... דעמאלטס האט ער פארשטאנען אז מען וויל אים ווייזן פון הימל אז ער זאל ווייטער אויסשארפן דעם מעסער לכבוד שבת, און דאס איז נישט קיין ביטול תורה.

ר׳ יעקב ספיר דערציילט וועגן די הכנות אין תימן: יעדן ערב שבת גייט מען אין מקוה זיך טובל׳ען און זיך אפשערן. דערנאך טוהט מען אן ווייסע קליידער און מען פארזאמלט זיך אין בית המדרש פארנאכט, און מען זאגט צוזאמען שיר השירים מיט א זיסן קול.

## וְזַכֵּנוּ לְגַדֵּל בָּנִים וּבְנֵי בָנִים חֲכָמִים וּנְבוֹנִים... וּמְאִירִים אֶת הָעוֹלָם בַּתּוֹרָה וּבְמַעֲשִׂים טוֹבִים

**און מיר זאָלן זוֹכֶה זיין צו עֶרְצִיעֶן קינדער און קינד'ס קינדער, קלוּגע און פאַרשטענדליכע... און באַלייכטן די וועלט מיט תּוֹרָה און מַעֲשִׂים טוֹבִים.**

אין די געהויבענע מינוטן, ווען די אידישע מאַמע ברענגט אריין די ליכטיגקייט פון שַׁבָּת אין שטוּב, פירט זי זיך צו אויפהייבן די אויגן מיט אַ תְּפִילָּה צום באַשעפער, אַז איהרע קינדער זאָלן זיין ערליך, און האָבן אַ חֵלֶק אין די תּוֹרָה.

דער רַבֵּינוּ בַּחְיֵי שרייבט (שמות יט), אַז די מאַמע גֶעפינט זיך שטענדיג אין שטוּב, און זי איז מַשְׁפִּיעַ אויף די קינדער צו צוציען זייער האַרץ צו די תּוֹרָה פון יונגערהייט אָן. זי לייגט אריין היילינגע גֶעפילן אַז זיי זאָלן וועלן לערנען תּוֹרָה. דערפאַר זאָל אַ פְרוי מִתְפַּלֵּל זיין בּיים צינדן די ליכט עֶרֶב שַׁבָּת, אַז דער באַשעפער זאָל איהר שענקען קינדער וואס זאָלן לייכטן אין תּוֹרָה. ווייל די תְּפִילָּה ווערט עֶנְדֶערְשׁ דערהערט בִּשְׁעַת מען טוט די גֶעהויבענע מִצְוָה פון צינדן ליכט עֶרֶב שַׁבָּת.

דער חֲזוֹן אִישׁ זצ"ל פלעגט זאָגן, אַז נישט נאָר בּיי הַדְלָקַת הַנֵּרוֹת דאַרף מען מִתְפַּלֵּל זיין אויף גוטע קינדער, נאָר בִּשְׁעַת'ן טוהן סַיי וועלכע מִצְוָה מיט שִׂמְחָה, איז דעמאָלטס אַן עֵת רָצוֹן צו מִתְפַּלֵּל זיין אויף גוטע קינדער.

אויף דעם כֹּחַ פון אַ אידישע מאַמע צו מִתְפַּלֵּל זיין פאַר איהרע קינדער, האָט אַ חָשׁוּבֶ'ער רֹאשׁ יְשִׁיבָה דערציילט די פאָלגענדע מַעֲשֶׂה:

אַ גֶעווִיסע מִשְׁפָּחָה האָט גֶעשיקט פיר פון איהרע קינדער צו לערנען בּיי זיי אין יְשִׁיבָה. די ערשטע דריי זענען געווען אויסגעצייכנטע בַּחוּרִים, אָבער דער פערטער האָט נעבעך נישט געטויגט. ער האָט זיך שטענדיג אַרויסגעדרייט פון די לִימוּדִים. די מַגִּידֵי שִׁיעוּר פלעגן כְּסֵדֶר אָנרופן די מאַמע'ן מיט טַעֲנוֹת אַז ער פירט זיך נישט אויף ווי עס דאַרף צו זיין. ווען מען האָט געזען אַז עס טוהט ליידער גאָרנישט אויף, האָט מען באַשלאָסן צו וואַרטן בּיז ער וועט עלטער ווערן, און פון זיך אַליין'ס פאַרלאָזן די יְשִׁיבָה.

צוואַנציג יאָר שפּעטער, ווען די פיר בַּחוּרִים זענען שוין אַליין'ס געווען טאַטע'ס פון גרויסע בַּחוּרִים, און האָבן שוין געוואָלט שיקן זייערע אייגענע קינדער אין יְשִׁיבָה. ווען דער רֹאשׁ יְשִׁיבָה האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף זייערע עלטערן - זייַנע געוועזענע תַּלְמִידִים -






די שַׁבָּת הַמַּלְכָּה נידערט שוין אַראָפּ אויף די וועלט. די לופט איז ריין. אַ דערהויבנקייט נעמט אַרום דעם גאַנצן אַטמאָספער. די וואָכעדיגע דאַגות און פּראָבלעמען זענען פאַרשוואונדן. אַ מְנוּחַת שַׁבָּת איז אויסגעגאָסן אויף די פּנים'ער.

טאַטעס גייען אין שוּל מיט די אינגעלעך אָנגעכאַפּט האַנט בּיי האַנט. אין די היימען גרייטן זיך די אידישע מאַמעס צו צינדן ליכט און אויפנעמען דעם גרויסן גאַסט ווי עס פּאַסט. זיי נוצן אוים די גֶעהויבענע מינוטן זיך צו אויסוויינען פאַר'ן באַשעפער און בעטן פאַר די מִשְׁפָּחָה און פאַר גאַנץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל. אַרום שטייען די קליינע קינדער, און קוקן זיך צו צו דער היילינגער סצענע. אין זייערע יונגע הערצער ווערט איינגעקריצט דאָס הערליך בּילד, וואס וועט זיי באַגלייטן אַ גאַנץ לעבן.

**די שַׁבָּת'דיגע ליכט האָבן אַ גרויסן כֹּחַ.** עס ליגן דערין פיל סְגוּלוֹת צו זוֹכֶה זיין צו ערליכע קינדער יִרְאֵי שָׁמַיִם, צו ברענגען שָׁלוֹם אין שטוּב, און צו געראַטעוועט צו ווערן פון שלעכטס.

הַמְחַבֵּר: שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ.

אִין דֶעם זֶמֶר "אֵשֶׁת חַיִל" לִיגְן בַּאהַאלְטְן טִיפֶע רְמָזִים אוּן מְשָׁלִים. עֶס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה וָואס מִיר זֶענֶען מְקַבֵּל מִיט דֶעם זֶמֶר. אוּן אוֹיף שַׁבָּת קוֹדֶשׁ וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "כַּלָּה", אוּן אִיז דִי בַּת זוּג פוּן דִי אִידְן (ב"ר יא ח). אַזוֹי אוֹיךְ גֵייט עֶס אַרוֹיף אוֹיף דִי תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה.

עֶס זֶענֶען פַאראַן צְוֵויי אוּן צְוַואנְצִיג פְּסוּקִים אִין "אֵשֶׁת חַיִל", אוּן דוּרְךְ דִי פְּסוּקִים וֶוערְן גֶעעֶפְנְט דִי צְוֵויי אוּן צְוַואנְצִיג רֶערְן פוּן הִימֶל צוּ מַשְׁפִּיעַ זַיין בְּרָכוֹת אוּן יְשׁוּעוֹת (תִּקּוּנֵי שַׁבָּת).

# אֵשֶׁת חָיִל

מִי יִמְצָא וְרָחֹק מִפְּנִינִים מִכְרָהּ: בָּטַח בָּהּ לֵב בַּעְלָהּ וְשָׁלָל לֹא יֶחְסָר: גְּמָלַתְהוּ טוֹב וְלֹא רָע כֹּל יְמֵי חַיֶּיהָ: דָּרְשָׁה צֶמֶר וּפִשְׁתִּים וַתַּעַשׂ בְּחֵפֶץ כַּפֶּיהָ: הָיְתָה כָּאֳנִיּוֹת סוֹחֵר מִמֶּרְחָק תָּבִיא לַחְמָהּ: וַתָּקָם בְּעוֹד לַיְלָה וַתִּתֵּן טֶרֶף לְבֵיתָהּ וְחֹק לְנַעֲרֹתֶיהָ: זָמְמָה שָׂדֶה וַתִּקָּחֵהוּ מִפְּרִי כַפֶּיהָ נָטְעָה כָּרֶם: חָגְרָה בְעוֹז מָתְנֶיהָ וַתְּאַמֵּץ זְרוֹעוֹתֶיהָ: טָעֲמָה כִּי טוֹב סַחְרָהּ לֹא יִכְבֶּה בַלַּיְלָה נֵרָהּ: יָדֶיהָ שִׁלְּחָה בַכִּישׁוֹר וְכַפֶּיהָ תָּמְכוּ פָלֶךְ: כַּפָּהּ פָּרְשָׂה לֶעָנִי וְיָדֶיהָ

שִׁלְּחָה לָאֶבְיוֹן: לֹא תִירָא לְבֵיתָהּ מִשָּׁלֶג כִּי כָל בֵּיתָהּ לָבֻשׁ שָׁנִים: מַרְבַדִּים עָשְׂתָה לָּהּ שֵׁשׁ וְאַרְגָּמָן לְבוּשָׁהּ: נוֹדָע בַּשְּׁעָרִים בַּעְלָהּ בְּשִׁבְתּוֹ עִם זִקְנֵי אָרֶץ: סָדִין עָשְׂתָה וַתִּמְכֹּר וַחֲגוֹר נָתְנָה לַכְּנַעֲנִי: עוֹז וְהָדָר לְבוּשָׁהּ וַתִּשְׂחַק לְיוֹם אַחֲרוֹן: פִּיהָ פָּתְחָה בְחָכְמָה וְתוֹרַת חֶסֶד עַל לְשׁוֹנָהּ: צוֹפִיָּה הֲלִיכוֹת בֵּיתָהּ וְלֶחֶם עַצְלוּת לֹא תֹאכֵל: קָמוּ בָנֶיהָ וַיְאַשְּׁרוּהָ בַּעְלָהּ וַיְהַלְלָהּ: רַבּוֹת בָּנוֹת עָשׂוּ חָיִל וְאַתְּ עָלִית עַל כֻּלָּנָה: שֶׁקֶר הַחֵן וְהֶבֶל הַיֹּפִי אִשָּׁה יִרְאַת יְיָ הִיא תִתְהַלָּל: תְּנוּ לָהּ מִפְּרִי יָדֶיהָ וִיהַלְלוּהָ בַשְּׁעָרִים מַעֲשֶׂיהָ:



## וַתִּשְׂחַק לְיוֹם אַחֲרוֹן

אַן אֵשֶׁת חַיִל ווייסט אַז דֶער עִיקָר אִיז נִישְׁט דִי וועלְט, וָואס גֵייט אַרִיבֶּער זֵייעֶר שְׁנֶעל, נָאר דֶער עִיקָר אִיז יֶענֶע וועלְט. דֶערְפַאר גִיבְּט זִי אַוֶועק אַלֶע אִירֶע כּוֹחוֹת צוּ בּוֹיעֶן אִיר חֵלֶק אִין עוֹלָם הַבָּא.

דֶער מִדְרָשׁ דֶערְצֵיילְט (תנחומא פקודי ז) אַז אֵיינֶער פוּן רַבִּי שִׁמְעוֹן'ס תַּלְמִידִים אִיז אַוֶועקְגֶעפָארְן הַאנְדְלֶען אוּן הָאט שֵׁיין מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, אוּן אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר. וֶוען עֶר אִיז צוּרִיקְגֶעקוּמֶען הָאבְּן אִים זַיינֶע חֲבֵרִים זֵייעֶר מְקַנֵּא גֶעוֶוען. רַבִּי שִׁמְעוֹן הָאט גֶעוָואלְט אַז זַיינֶע תַּלְמִידִים זָאלְן פַארְשְׁטֵיין אוּן אֵיינְזֶעהְן אַז דֶער עִיקָר אִיז נִישְׁט דֶער עוֹלָם הַזֶּה, הָאט עֶר זֵיי אַרוֹיסְגֶעפִירְט צוּ אַ טָאל. עֶר הָאט גֶעדַאוֶונְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן דֶער גַאנְצֶער טָאהְל אִיז גֶעוָוארְן אָנְגֶעפִילְט מִיט גָאלְדֶענֶע רֶענְדְלֶעךְ.

"וֶוער עֶס ווִיל קֶען נֶעמֶען!" הָאט עֶר אוֹיסְגֶערוּפְן צוּ זַיינֶע תַּלְמִידִים. אַלֶע זֶענֶען צוּגֶעגַאנְגֶען מִיט חֵשֶׁק אוּן גֶעוָואלְט נֶעמֶען פוּן דִי גְלַאנְצִיגֶע גָאלְדֶענֶע רֶענְדְלֶעךְ. אוּן דַאן הָאט עֶר שְׁנֶעל צוּגֶעלֵייגְט: "אָבֶּער וֶוער עֶס נֶעמְט פוּן דִי רֶענְדְלֶעךְ וֶועט מֶען אַרָאפְּרֶעכֶענֶען פוּן זַיין חֵלֶק אִין עוֹלָם הַבָּא, ווייל דִי שָׂכָר פַאר צַדִּיקִים אִיז אוֹיף יֶענֶע וועלְט, נִישְׁט אִין דֶעם גַשְׁמִיּוּת'דִיגְן עוֹלָם הַזֶּה!"